# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת יתרו | כיתה ז' תשע"ב לפ"ק


## דורש טוב

**במדרש כששמע משה אנכי ה' אלקיך פתח ואמר ברוך שלא עשני גוי וצ"ב:**

די מפרשים פרעגן פארוואס האט דער רבש"ע געזאגט **אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, פארוואס זאגט ער נישט **'אשר בראתיך'** וואס דאס איז לכאורה א סאך גרעסערע זאך פארן מענטש ווי יציאת מצרים?

אזוי אויך איז ידוע די קשיא פארוואס ביי ברכת השחר זאגט מען **שלא עשני גוי**, און נישט **שעשני ישראל**?

ענטפערט **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע לויט די גמרא אין מס' מנחות וואס זאגט אז יעדע מצוה וואס איז כשר אויך ווען א גוי מאכט עס קען א איד נישט מאכן דערויף א ברכה, נאר א מצוה וואס אויב א גוי מאכט עס איז עס פסול, קען א איד מאכן דערויף א ברכה. רש"י זאגט דעם טעם דערויף, ווייל א מצוה וואס א גוי קען אויך טון איז נישט שייך צו זאגן דערויף **אשר קדשנו**, ווייל נישט נאר די אידן זענען געהייליגט דערמיט ווייל גוים קענען דאך אויך מקיים זיין די מצוה.

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס דער אייבערשטער האט נישט געזאגט **אשר בראתיך**, ווייל מיט דעם ענין פון באשאפן איז א איד נישט אנדערש ווי א גוי, נאר דוקא מיטן ענין פון יציאת מצרים זענען אידן א אויסנאם.

דאס זאגט דער מדרש **כששמע משה אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, איי פארוואס זאגט מען נישט **אשר בראתיך**, מוז זיין אז דאס חשיבות פון אידן איז בעיקר מיט דעם וואס זיי זענען אנדערש ווי גוים, און קענען טון מצות וואס קיין גוים קענען נישט, פתח ואמר **ברוך שלא עשני גוי**, און נישט **שעשני ישראל** ווייל דאס איז דער עיקר גרויסקייט פון א איד מיט דעם וואס ער איז מער און גרעסער פון א גוי.

## ידיעות פון די וואך

### תרי"ג מיצוות מן התורה
### שבע מיצוות דרבנן

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר די **עשרת הדברות** וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אידישע קינדער בשעת ער האט זיי געגעבן די תורה אויפן בארג סיני.

אין ספר **עיר דוד** ווערט געברענגט בשם הקדמת **סמ"ג** אז אין די עשרת הדברות זענען דא 620 אותיות, וואס דאס איז מרומז קעגן די 613 מצוות וואס זענען מן התורה, און די 7 מצוות דרבנן.

**די זיבן מצות מדרבנן זענען:**

1) **עירובי חצרות:** צו מאכן אן עירוב אז מען זאל קענען טראגן שבת פון איין פלאץ צום צווייטן. 2) **הדלקת נר חנוכה:** אנצוצינדן דעם נר חנוכה יעדעס יאר אכט טעג. 3) **קריאת המגילה:** צו ליינען די מגילה יעדעס יאר פורים. 4) **דיני אבלות:** מען דארף טרויערן נאך א נאנטן קרוב וואס איז געשטארבן. 5) **שמחת חתן וכלה:** מען דארף דערפרייען חתן וכלה ביי א חתונה. 6) **נטילת ידים:** מען דארף זיך וואשן די הענט צום עסן. 7) **פת עכו"ם בישולי עכו"ם:** מען טאר נישט עסן וואס א גוי האט געבאקן אדער געקאכט.

זאגט דער **חתם סופר** זי"ע א אינטערעסאנטער רמז, אז אין די אותיות פון די **עשרת הדברות** זענען מרומז אלע 613 מצוות מן התורה, קומט אויס אז אין די לעצטע 7 אותיות פון די עשרת הדברות אין די ווערטער **"אשר**

**וישמע יתרו:** זאגט רש"י מה שמועה שמע ובא קריעת ים סוף ומלחמת **עמלק:** דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע פרעגט: לכאורה איז שווער, דער פסוק זאגט דאך אליינס א טעם "**כי הוציא ה' את ישראל ממצרים**".

נאר רש"י וויל פארענטפערן מה שמועה שמע "**ובא**" פארוואס ער איז געקומען, ער האט זיך דאך געקענט מגייר זיין און בלייבן א איד אינדערהיים? אויף דעם ענטפערט רש"י: **קריעת ים סוף ומלחמת עמלק**, יתרו האט געזעהן ווי די גאנצע וועלט האט געהערט פון די גרויסע ניסים פון קריעת ים סוף, און אלע פעלקער זענען דערציטערט געווארן, און דאך האט דער רשע עמלק נישט מורא געהאט צו קומען מלחמה האלטן מיט די אידן, האט ער פארשטאנען אז הערן פונדערווייטנס איז נישט גענוג, ער מוז זיין מיט די אידן אינאיינעם.

**לרעך"** איז מרומז די שבע מצוות דרבנן, לויט די ראשי תיבות.

**ווי פאלגענד:**

**א': אבילות,** דיני אבילות.

**ש': שמחה,** מצות שמחת חתן וכלה.

**ר': רחיצה,** מצות נטילת ידים.

**ל': לחם,** איסור פת עכו"ם ובישולי עכו"ם.

**ר': רשויות,** עירובי חצרות.

**ע': עמלק,** מצות קריאת המגילה, און אויסמעקן המן וואס שטאמט פון עמלק.

**ך': כהנים,** הדלקת נר חנוכה וואס דער נס איז געשעהן דורך די כהנים קדושים.

# מילי דרמיזא

דער **רמ"ע מפאנו זצ"ל** אין ספר **עשרה מאמרות** (מאמר חקור דין פל"א) זאגט א רמז פארוואס השי"ת האט געגעבן די תורה דוקא אויפן בארג סיני.

ווייל "**סיני**" איז בגימטריא זעקס הונדערט טויזענט, דער צאל וויפיל אידן עס זענען געשטאנען ביים מעמד הר סיני. ווי אזוי? מען הייבט אן צו רעכענען 'ס' מאל י', דאס הייסט 60 מאל 10 דאס באטרעפט 600. דערנאך 'סי' מאל נ', דאס הייסט 600 מאל פופציג, קומט אויס 30,000. דערנאך רעכנט מען 'סינ' מאל י', דאס הייסט 30,000 מאל 10. קומט אויס 300,000.

יעצט רעכענט מען דעם **מילוי** פון די אותיות פון **ס-י-נ-י**. דער מילוי פון סמ"ך איז מ"ך וואס באטרעפט 60. דער מילוי פון יו"ד, איז ו"ד וואס באטרעפט 10, דער מילוי פון נ"ן איז ן' וואס באטרעפט 50, דער מילוי פון יו"ד איז ו"ד וואס באטרעפט 10. אז מען רעכענט דאס לויטן פריערדיגן חשבון האט מען שוין נאך 300,000 אינאיינעם איז דאס 600,000.

# מוסר הפרשה

**כי בדבר אשר זדו עליהם:** דער **הייליגער בעש"ט זי"ע** האט געזאגט: יעדער מענטש ווערט גע'משפט אין הימל לויט זיין אייגענעם אורטייל. ווען איינער זעהט אמאל ווי א צווייטער טוט א שלעכטע זאך, טראכט ער ביי זיך אז יענער דארף ווען באקומען אזא און אזא שטראף, און ער פארגעסט דערביי אז ער אליינס האט אויך אמאל געטוהן אזא סארט זאך, און מיט די ווערטער וואס ער פסק'נט אויף יענעם האט ער אויך גע'פסק'נט וואסערע שטראף עס זאל קומען אויף זיך אליינס ח"ו.

דאס איז מרומז אין פסוק: **כי בדבר אשר זדו** מיט די רייד וואס זיי האבן געוואלט שלעכטס טוהן, **עליהם** איז געקומען אויף זיי.

# מעשה רב

## אנכי ה׳ אלקיך

אין יאר תשכ״ח לפ״ק איז דער **רבי בעל דברי יואל זי״ע** ל״ע נישט געזונט געווען. דאס איז געווען ערב שב״ק פר׳ משפטים (שקלים), איין טאג נאכדעם וואס דער רבי איז צוריק אהיימגעקומען פון פלארידע, עס זענען דעמאלטס אנגעקומען צום רבי׳ן שרעקליכע ידיעות ווי אזוי די ציונים האבן מיט געוואלד אויסגע׳שמד׳ט טויזענטער קינדער פון מאראקא ר״ל, דעם רבי׳נס הייליג הארץ האט דאס נישט געקענט פארטראגן, און ער איז צוזאמענגעפאלן פרייטאג פארנאכטס פארן גיין אין בית המדרש צו מנחה און קבלת שבת.

דער רבי האט דעמאלטס געליטן א שווערע בלוט-שטורץ (סטראוק), און ער איז דעמאלטס געווען אין א גרויסע סכנה, עטליכע טעג איז דער מצב געווען גאר מסוכן, אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט האבן איינגעריסן וועלטן און מעורר רחמי שמים געווען פאר זיין רפואה, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן און דער רבי האט צוביסלעך אנגעהויבן צוריק צו קומען צו די כוחות, און האט זיך ווייטער געפונען צווישן אונז אויף נאך 11 יאר.

אין די ערשטע וואכן פונעם רבי׳נס קראנקהייט האט מען אראפגעברענגט די גרעסטע דאקטורים זאלן זיך אפגעבן איהם צו היילן, און פרובירן צוריק אויפצואוואכן זיין מח, אז עס זאל קענען ווייטער פונקציאנירן ווי געהעריג.

איז דאן אראפגעקומען איינער פון די גרויסע פראפעסארן, דאקטער בענדער, וועלכער האט געוואלט מעסטן דעם רבי׳נס כח הכתיבה, האט ער געגעבן פארן רבי׳ן אין די האנט א פעדער מיט א פאפיר, און געווארט צו זעהן אויב ער קען שוין שרייבן. זאגענדיג פאר די ארומיגע אז וויבאלד דער מח איז אזוי אפגעשוואכט וועט ער נאר קענען שרייבן א זאך וואס ליגט אים אלעמאל אויפן מח, און ער דארף זיך נישט אנשטרענגען דערפאר.

ווען דער רבי האט אנגעהויבן צו שרייבן האט ער געשריבן מערערע מאל דעם פסוק: ״אנכי ה׳ אלקיך״... און נאך פסוקי יחוד ווי ״אני ה׳ ולא אחר״ וכדומה.

דעמאלטס האט מען געזעהן בחוש די קדושה און דאס הייליגקייט פונעם רבי׳ן, און ווי שטארק זיין הייליגער מח איז געווען דבוק בכל עת ובכל זמן אין עבודת השם און אין יחוד שמו יתברך.

### אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום

חז״ל זאגן אונז, אז די ערשטע צוויי דברות פון די עשרת הדברות האט מען געהערט פונעם אייבערשטן אליין, און די אנדערע 8 דברות האט משה רבינו איבערגעזאגט וואס דער אייבערשטער האט איהם געזאגט.

דער רבי זי״ע האט ארויסגעגעבן דעם הייליגן ספר ״ויואל משה״ דורך וועלכן ער האט אויפגעקלערט פאר כלל ישראל דאס הארבקייט פון האבן סיי וועלכע שייכות, אדער געבן סיי וועלכע חיזוק פארדי ציונים (זע באריכות אין די ״ידיעות״ לפרי וישלח).

ווען דער ספה״ק ״ויואל משה״ איז ארויסגעקומען האבן אלע ערליכע אידן זיך צוגעכאפט צו דעם ספר, און קובע געווען דערין צו לערנען דעם ספר בעיון און צו זיין קלאר אין די ענינים, כדי מען זאל נישט נכשל ווערן ח״ו אין די הארבע יסודת׳דיגע ענינים.

צווישן די ערליכע אידן, איז געווען הגה״צ רבי מנחם שלמה טויב זצוק״ל דער קאלוב׳ער רבי, וועלכער איז געווען זייער א הייליגער איד, און א גרויסער צדיק.

ווען ער האט זיך געמאכט א שיעור אינעם ספה״ק ״ויואל משה״ האט ער אויפגעשריבן אויפן שער בלאט:

״ויואל משה״ - ראשי תיבות = אינכי וילא ייהיה ליך מיפי היגבורה שימענום:

ד.ה. אז אלעס וואס אין דעם ספר שטייט איז אמת אזוי ווי ס׳איז מקובל פון משה רבינו מפי הגבורה.

# הילולא דצדיקיא

**קומענדיגן דאנערשטאג כ״ג שבט איז די יארצייט פון**

# הרה״ק רבי יהושע מבעלזא זי״ע

אין די צייט ווען עס האט זיך אנגעהויבן די צרות ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז געווען איינע פון די געזעצן אז יעדער אונגארישער בירגער דארף ביי זיך טראגן שריפטן מיט א בילד פון זיך.

דער **סטראפקוב׳ער רב הגה״ק רבי אברהם שלום האלבערשטאם זי״ע** א זון פון **היילגן שינאווער רב**, האט נישט געוואלט לאזן מאכן א בילד פון זיך ווי עס איז געווען א שטארקע קפידה ביי צדיקים, איז ער אריבערגעפארן צו איינעם פון די גרויסע שתדלנים אין פעסט אז ער זאל פועל׳ן ביי די רעגירונג אז ער זאל נישט דארפן האבן א בילד אויף זיינע שריפטן.

ווען יענער עסקן האט זיך געוואונדערט פארוואס דער **סטראפקוב׳ער רב** האט פאר אזא ענין געדארפט מאכן אזא לאנגע רייזע ביז קיין פעסט, האט אים דער **סטראפקוב׳ער רב** געזאגט ״איך וויל אייך דערציילן א מעשה, אין די סביבה פון **הרה״ק רבי יושע מבעלזא זי״ע**, איז געווען א שר וואס איז געלאפן פאר א פאסטן, ער איז געווען א אוהב ישראל און דער בעלזער רב האט געהייסן אז מ׳זאל שטימען פאר אים, און א דאנק דעם איז ער טאקע ערוויילט געווארן צו דעם פאסטן.

דער שר איז געווען זייער צופרידן פון דעם, און ער האט געשיקט א שליח איינצולאדענען דעם בעלזער רב צו זיך אין פאלאץ אים אפצוגעבן דעם דאנק.

דער בעלזער רב איז אריבערגעפארן צום שר אין פאלאץ וואס איז געווען א מלכות׳דיגער פאלאץ מיט מערערע צימערן און זאלן, און זיי האבן דארט געשמועסט א שטיק צייט, נאכדעם זאגט אים דער שר ״איך וויל אייך געבן א מתנה אלס הכרת הטוב״.

דער שר האט גענומען דעם בעלזער רב און ער האט אים אריינגעפירט אין א חדר לפנים מחדר, אזוי זיבעצן צימערן איינס נאכן צווייטן, אינעם אינעווייניגסטן צימער איז געווען א ליידיגער צימער נאר מנורות מיט אנגעצינדענע לעכט איז דארט געווען, און אויפן וואנט האט געהאנגען א פראכטפולע מלכות׳דיגע בילד פון זיין פאטער דער **שר שלום פון בעלזא זי״ע**, וואס א מעלער האט אפגעמאלן בחייו.

דער שר האט געזאגט פארן בעלזער רב אז ער איז גרייט אים צו געבן דאס בילד במתנה, און ער האט אים דאס אפגעשיקט אהיים. דער בעלזער רב איז געווען מסופק וואס צו טון מיט דאס בילד, ווייל ער האט ביי זיין טאטן קיינמאל נישט געזעהן האלטן בילדער פון צדיקים, מאידך גיסא האט ער נישט געוואלט שעדיגן די טייערע מתנה פונעם שר, אזוי טראכטנדיג האט ער איינגעדרימלט, און געזעהן אין חלום זיין טאטן דער שר שלום פון בעלזא ווי ער זאגט אים ״**מיין קינד, האב נישט מורא, גיי פארברען תיכף דאס בילד, איך בין דיר מבטיח אז דער שר וועט קיינמאל נישט פרעגן דערויף, ווייל דאס שטערט מיין מנוחה בעולם העליון אז עס איז דא א בילד בעולם הזה פון מיין צורה**״. האט דער בעלזער רב תיכף גענומען דאס בילד און פארברענט לויטן טאטנס פארלאנג.

האט דער סטראפקוב׳ער רב אויסגעפירט ״מיט די מעשה ווייסטו פארשטיין פארוואס מיך שטערט אז עס איז דא פון מיר א בילד״.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל!**